און היות אַ פֿאַרשווערונג איז געמאַכט געוואָרן
פֿון די יידן קעגן אים, ווען ער האָט בדעה געהאַט
זיך אַוועקצושיפֿן קיין סיריען, האָט ער באַשלאָסן
4 זיך אומצוקערן איבער מאַצעדאָניען. און ביז
(קליין) אַזיען האָבן אים באַגלייט סאָפּאַטרוס בן
פּורוס פֿון בערעאַ; און פֿון די טעסאַלאָניקער,
אַריסטאַרכוס און סעקונדוס; און גאַיוס פֿון דערבע,
און טימאָטעוס; און טיכיקוס און טראָפֿימוס, פֿון
5 (קליין) אַזיען. די דאָזיקע אָבער זענען געגאַנגען
פֿאָרויס, און האָבן געוואַרט אויף אונדז אין טראָאַס.
6 און נאָך פּסח זענען מיר אַוועקגעפֿאָרן מיט דער
שיף פֿון פֿיליפּיען, און זענען אין פֿינף טעג אַרום
געקומען צו זיי קיין טראָאַס, וואו מיר זענען פֿאַר־
בליבן זיבן טעג.

7 און דעם ערשטן טאָג פֿון דער וואָך, ווען מיר
זענען זיך צונויפֿגעקומען צו ברעכן ברויט, האָט
פּוילוס געדרשנט צו זיי, האָבנדיק בדעה צומאָרגנס
אָפּצופֿאָרן; און האָט מאַריך געווען די דרשה
8 ביז האַלבער נאַכט. און עס זענען געווען אַ סך
לאָמפּן אין דער אויבערשטוב, וואו מיר זענען
9 געווען פֿאַרזאַמלט. און אויפֿן פֿענסטער איז געזעסן
אַ געוויסער בחור, מיטן נאָמען עוטיכוס, (וועלכער
איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ טיפֿן שלאָף; און בשעת
פּוילוס האָט נאָך אַלץ פֿאַרצויגן מיט זיין דרשענען,
האָט דער שלאָף אים בייגעקומען), און ער איז
אַראָפּגעפֿאַלן פֿונם דריטן שטאָק, און מען האָט
10 אים אויפֿגעהויבן אַ טויטן. פּוילוס אָבער איז
אַראָפּגעגאַנגען, און איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף אים,
און אַרומנעמענדיק אים, האָט ער געזאָגט: באַאומ־
רויִקט זיך נישט, וואָרום די נשמה זיינע איז (נאָך)
11 אין אים. און איז אַרויפֿגעגאַנגען, האָט געבראָכן